# ויקהל ג

א. פון פסוק[1] „ומסך שער החצר גו׳ ועשרים אמה ארך וקומה ברחב חמש אמות לעמת קלעי החצר" איז רש״י מעתיק די ווערטער „לעמת קלעי החצר" און איז מפרש: „כמדת קלעי החצר".

זיינען מפרשים[2] מסביר: רש״י קומט דאָ באַוואָרענען, אַז דער טייטש פון וואָרט „לעמת" איז ניט — ווי עס ווערט געטייטשט בכלל — „כנגד"[3], וואָרום דאָ קען מען אַזוי ניט טייטשן (וויבאַלד אַז דער „שער החצר" איז ניט געווען „כנגד" די קלעי החצר, נאָר ביי זייער זייט), נאָר דער וואָרט „לעמת" דאָ מיינט „כמדת".

מ׳דאַרף אָבער פאַרשטיין: אויב רש״י קומט נאָר אָפּטייטשן דעם וואָרט „לעמת", פאַרוואָס איז ער מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער „קלעי החצר" — ובפרט אַז ער חזר׳ט זיי איבער בגוף פירושו „(כמדת) קלעי החצר" — ער האָט געדאַרפט זאָגן בקיצור: „לעמת — כמדת"?

ב. אויך איז ניט מובן:

ס׳זיינען פאַראַן אין חומש נאָך ערטער וואו מ׳קען דעם וואָרט „לעמת" ניט טייטשן „כנגד" — (א) „לעמת מחברתו" (אין פ׳ תצוה[4]), (ב) „לעמת העצה" (אין פ׳ ויקרא[5]) — און דאָרט איז רש״י מפרש: „סמוך .. למעלה", „למעלה";

ועפ״ז האָט דאָך רש״י אויך דאָ געדאַרפט אַזוי מפרש זיין: „לעמת" — „סמוך .. למעלה" — און איינטייטשן אַז „וקומה ברוחב חמש אמות לעמת קלעי החצר" מיינט, אַז די הויך פון דעם „מסך שער החצר" איז געווען „חמש אמות" העכער („למעלה") פון די קלעי החצר; פאַרוואָס טייטשט ער „לעמת" — „כמדת", וואָס „אין לו חבר" אין חומש[6]?

נאָכמער: דער פירוש איז לכאורה מער מתקבל אין המשך הכתוב — ווי דער פירוש „כמדת". לויטן פירוש „סמוך .. למעלה" איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס עס מוזן שטיין די ווערטער „לעמת קלעי החצר" — זיי קומען מודיע זיין וויפל ס׳איז געווען די הויך פון דעם מסך שער החצר („חמש אמות" העכער פון די קלעים); אָבער לויטן פירוש „כמדת", אַז דער מסך האָט געהאַט די זעלבע מאָס ווי די קלעי החצר, זיינען דאָך די ווערטער „לעמת קלעי החצר" איבעריק — עס שטייט דאָך שוין פריער בפירוש „וקומה ברוחב חמש אמות" — איז וואָס איז מוסיף אַז זיי זיינען „כמדת קלעי החצר"?

ג. די קשיא ווערט נאָך שטאַרקער לויט אַ פריערדיקן פי׳ רש״י —

---

1) פרשתנו לח, יח.

2) ראה רא״ם, גו״א וספר זכרון כאן.

3) ראה גם פרש״י תרומה כה, כז.

4) כח, כז.

5) ג, ט.

6) משא״כ בנ״ך — ראה פרש״י יחזקאל מה, ו (וראה ג״כ פרש״י שם מח, יג). וראה מצודות יחזקאל א, כ. ועוד.

וצע״ק ברא״ם כאן „לא לנכחם ולנגדם כמו לעמת העצה וקול האופנים לעומתם", שהרי רש״י מפרש „לעמת העצה" — „למעלה", כנ״ל בפנים (דלא כברד״ק בס׳ השרשים (ע׳ עמת) שמפרש „לעמת העצה" — „לנכח העצה").

ובהקדים: עס איז פאַראַן אַ מחלוקת[7] צווישן ר' יהודה און ר' יוסי וועגן דער הויך פון דעם מזבח: ר' יהודה זאָגט אַז דאָס וואָס שטייט[8] „ושלש אמות קומתו" איז — „דברים ככתבן", און ר' יוסי לערנט אָפּ (דורך אַ גז"ש „רבוע" „רבוע") פון מזבח הפנימי[9] — „מה להלן גובהו פי שנים כארכו אף כאן פי שנים כארכו" — אַז די הויך פון דעם מזבח איז געווען עשר אמות.

ברענגט די גמרא[10]: „א"ל ר' יהודה .. אפשר כהן עומד ע"ג המזבח ועבודה בידו וכל העם רואין אותו מבחוץ" (וואָרום אויב דער מזבח איז עשר אמות הויך, איז עס דאָך העכער פון די קלעי החצר, וואָס זייער הויך איז געווען חמש אמות); האָט ר' יוסי אים געענטפערט אַז ער האַלט אַז די הויך פון די קלעים איז געווען ט"ו אמות.

די גמרא אין עירובין[11] זאָגט, אַז דער שיעור פון אַ פתח (לדעת רבנן) איז „עשרים אמה (די הויך) ברוחב עשר". פרעגט די גמרא[12]: „לילפו מפתח שער החצר .. מה להלן חמש ברוחב עשרים אף כאן חמש ברוחב עשרים", און די גמרא ענטפערט (אין צווייטן תירוץ) — לגירסת התוס'[13]: „קלעים ט"ו אמה וכי כתיב וקומה ברוחב ה' אמות משפת קלעים ולמעלה". און תוס' איז מסביר, אַז די קושיית הגמרא איז אויף דעם שיעור כ' אמה פון גובה הפתח (מ'זעט דאָך פון פתח החצר אַז דער שיעור פון גובה הפתח איז נאָר „חמש אמות"), און די גמרא טוט אויף אין דעם ענטפער, אַז אויך דער פתח החצר איז געווען הויך כ' אמות[14], און דאָס וואָס שטייט „וקומה ברוחב חמש אמות" מיינט „משפת קלעים ולמעלה" (פינף אמות העכער פון די קלעים, וואָס לדעת ר' יוסי זיינען זיי געווען ט"ו אמות, כנ"ל).

קומט דאָך אויס, אַז לדעת ר' יוסי (לויטן פירוש התוס') איז דער טייטש פון „לעמת קלעי החצר" — העכער פון די „קלעי החצר"[15];

און וויבאַלד מיר זעען, אַז (פריער) אין פ' תרומה[8] ברענגט רש"י אַראָפּביידע דיעות, פון ר' יהודה און ר' יוסי, האָט ער דאָך לפי"ז אויך דאָ, בפירושו אויף „לעמת קלעי החצר", געדאַרפט ברענגען דעם טייטש אין „לעמת קלעי החצר" — „סמוך .. למעלה" (ניט נאָר ווייל ס'איז מער מתאים אין לשון הכתוב כנ"ל, נאָר) ווייל ס'איז מתאים צו דעת ר' יוסי (וואָס רש"י ברענגט אַראָפּ)[16].

ד. אין אמת'ן אָבער איז דאָס קיין קשיא ניט, ווייל די גאַנצע שקו"ט האָט

7) זבחים נט, ב.
8) תרומה כז, א.
9) תצוה ל, ב.
10) זבחים שם.
11) בתחילתו.
12) שם ב, ב.
13) זבחים שם ד"ה ואומר. ולהעיר מגירסת רש"י בלישנא קמא עירובין שם.

14) וכן נקט להלכה במעשה חושב פ"ה, ז.
15) ראה גם פי' המלבי"ם ס"פ תרומה.
16) אף שבעירובין שם מסיק רש"י שקושיית הגמרא היא מרוחב הפתח וגריס במסקנא „ההוא משפת מזבח ולמעלה" (דלא כפי' התוס' הנ"ל) — מ"מ, מצד פירוש הכתובים מתאים יותר לפרש כפי' התוס' [ד„וקומה ברוחב חמש אמות לעמת קלעי החצר" פירושו — „חמש אמות" „משפת קלעים ולמעלה"] מלפרש דמש"נ „וקומה גו' חמש אמות" היינו „משפת מזבח ולמעלה", שלא נזכר בקרא [אלא שבלא"ה צריך לפרש כן — לפי' התוס'* — מש"נ בס"פ תרומה „וקומה חמש אמות" דהיינו „משפת מזבח ולמעלה"].

*) משא"כ להמבואר לקמן ס"ד בדעת רש"י.

קיין אָרט ניט לויט דעם ווי רש״י לערנט עפ״י פשוטו של מקרא:

אין פסוק (בסוף פ׳ תרומה[17]) „ארך החצר גו׳ וקומה חמש אמות״ איז רש״י מפרש: „וקומה חמש אמות, גובה מחיצות החצר והוא רוחב הקלעים״. ד.ה. הגם אַז ביים שיעור פון דעם מזבח ברענגט רש״י אויך די דיעה פון ר׳ יוסי („גבהו פי שנים כארכו״), פונדעסטוועגן, בנוגע „גובה מחיצות החצר״, זאָגט ער באופן סתמי, אַז עס איז „חמש אמות״.

מוז מען זאָגן, אַז עפ״י דרך הפשט, איז אפילו לויט דעם פירוש אַז די הויך פון מזבח איז געווען י׳ אמות[18], איז די „גובה מחיצות החצר״ געווען (נאָר) „חמש אמות״[19] — און דער טעם איז מובן בפשטות: ס׳איז ניטאָ קיין הכרח אין דרך הפשט אַז מ׳זאָל ניט טאָרן זען ווי דער כהן טוט די עבודה אויפן מזבח; און דעריבער טייטשט מען „וקומה חמש אמות״ כפשוטו (ניט ווי ע״פ דרך לימוד הגמרא — לדעת ר׳ יוסי — אַז עס מיינט „משפת המזבח ולמעלה״).

ובמילא איז מובן, אַז אויך בנוגע דער הויך פון שער החצר קען מען זאָגן, אַז ע״ד הפשט איז עס לכל הפירושים געווען נאָר חמש אמות[19] (אפילו לויט דעם פירוש אַז די קומת המזבח איז י׳ אמות).

עס בלייבט אָבער שווער: הן אמת, אַז מצד תוכן הענין איז ע״ד הפשט ניטאָ קיין הכרח צו זאָגן אַז לדעת ר׳ יוסי איז די גובה פון שער החצר געווען מער ווי „חמש אמות״ — אָבער מצד לשון הכתוב („לעמת קלעי החצר״) האָט מען געדאַרפט טייטשן אַז דער שער החצר איז געווען חמש אמות העכער פון די קלעי החצר, כנ״ל?

ה. דער ביאור אין דעם:

רש״י שטעלט זיך אויף די ווערטער „לעמת קלעי החצר״, ווייל די דריי ווערטער זיינען לכאורה איבעריק: אפילו ווען מ׳זאָל איינטייטשן, כנ״ל, אַז דאָס מיינט „חמש אמות״ העכער פון די קלעים, איז נאָך אַלץ ניט מובן: פאַרוואָס דאַרף די תורה מודיע זיין דעם שיעור הקומה דורך אַ דיוק פון אַ לשון אריכתא („חמש אמות לעמת קלעי החצר״), בעת עס האָט געקענט שטיין בקיצור און קלאָר: „(קומה ברוחב) עשר אמות״?

דעריבער זאָגט רש״י, אַז דער פסוק קומט דאָ זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די הויך פון מסך שער החצר האָט געדאַרפט זיין „חמש אמות״ (און ניט העכער — ווי דער „מסך פתח האהל״[20]) — ווייל דער מסך האָט געמוזט זיין „כמדת קלעי החצר״ — דער פסוק איז מדגיש, אַז דער מסך איז אין זיין תוכן (זיין צוועק — דאָס זעלבע און) אַ טייל פון די קלעים און דעריבער דאַרף זיין הויך זיין פונקט ווי זייער הויך.

17) שם, יח.

18) ההכרח לזה ע״ד הפשט — כי תיבת „רבוע״ מיותרת, שהרי כבר נאמר לפנ״ז „חמש אמות ארך וחמש אמות רוחב״: ועד״ז מש״נ (תצוה ל, ב) במזבח הפנימי „אמה ארכו ואמה רחבו (ואח״כ) רבוע גו׳״ [משא״כ מש״נ (שם כח, טז) אצל החושן „רבוע יהי׳ גו׳ (ואח״כ) זרת ארכו וזרת רחבו״].

19) ולהעיר, שבברייתא דמלאכת המשכן (פ״ה) סתם דגובה הקלעים, וכן דפתח החצר, היא רק חמש אמות, אף שפסק (שם ספי״א) כר׳ יוסי שגובה המזבח י׳ אמות. [וגם בהביאו דברי ר׳ יוסי לפנ״ז (רפי״א) גריס (רק) „מה משכן עשר אמות אף מזבח עשר אמות״ בלי הסיום (שבש״ס זבחים נט, סע״ב) „קלעים ט״ו״. וראה תוד״ה ואומר שם].

20) תרומה כו, לו. וברש״י שם: י׳ אמות.

דערמיט ווערט בדרך אגב פאַר־ענטפערט די קשיא (ע"ד ההלכה) וואָס ווערט געבראַכט אין רבותינו בעלי התוספות[21]: „אם לא היו גבוהים אלא חמש אמות א"כ לא הי' פתח השער גבוה כמו פתח היכל של בית עולמים" (און דעריבער זיינען זיי דאָרט מפרש, אַז די קלעים פון צד המזרח (ובמילא אויך דער פתח החצר) האָבן געהאַט די הויך פון כ' אמה[22]).

ווי רש"י לערנט (עפ"י פשוטו של מקרא) איז עס מעיקרא קיין קשיא ניט, ווייל דער פסוק גופא באַוואָרנט עס דורך מוסיף זיין „לעמת קלעי החצר": דער מסך שער החצר איז געווען אַ „טייל" פון די קלעי החצר — ניט אָנווייזענדיג פון וועלכער זייט, ד.ה. אַז אין גאַנצען חצר זיינען געווען די זעלבע (הויך פון די) קלעים.

און במילא האָט אויך דער שער ניט געהאַט דעם גדר פון אַ פתח ממש ווי פתח ההיכל[23].

ו. דער חידוש בענין הנ"ל — אַז דער „מסך שער החצר" איז בתוכנו אַ טייל פון די קלעים — וועט נאָך קלערער ווערן לויט אַ הסבר אין אַ מחלוקת הראשונים בנוגע צו חיוב מזוזה:

איינער פון די תנאים וואָס זיינען מחייב אַ בית אין קביעות מזוזה, רעכנט דער רמב"ם[24]: „ויהיו לו דלתות". דער ראב"ד[25] אָבער האַלט, און אַזוי איז די דיעה פון נאָך ראשונים[26], אַז אויך אַ פתח אָן אַ דלת איז מחוייב במזוזה.

קען מען מסביר זיין זייער מחלוקת אַז דאָס איז תלוי אין דעם ביאור הגדר פון דלת: (א) דלת איז אַ טייל פון דעם שער, וואָס עניינו איז פתיחה — כניסה ויציאה[27] (ב) דלת איז אַן ענין בפ"ע — סגירה (אָן דעם דלת וואָלט געווען אַ שטענדיג אָפּענער חלל, און דער דלת איז סותם דעם חלל).

די נפק"מ לדינא צווישן די צוויי הגדרות איז לגבי חיוב מזוזה: אויב מ'נעמט אָן אַז דער דלת איז אַ טייל פון דעם שער און עניינו איז פתיחה, איז מסתבר, אַז דער חיוב פון מזוזה (וואָס איז פאַרבונדן מיטן מקום הכניסה[28] (והיציאה[29]) פון בית) איז פאַראַן נאָר ווען דער פתח איז באופנו הרגיל והשלם — ווען ער האָט אַ דלת — וויבאַלד אַז (פתיחת ה)דלת גיט די אפשרות הכניסה צום בית;

21) ס"פ תרומה.

22) ולהעיר ג"כ מלישנא קמא שבפרש"י עירובין שם.

23) ובזה יתוסף ביאור ג"כ בפרש"י ס"פ תרומה (שם, יח) „ואדניהם נחושת — להביא אדני המסך שלא תאמר לא נאמרו אדני נחושת אלא לעמודי הקלעים וכו'".

24) הל' מזוזה רפ"ו. וראה גם שם סה"ה.

25) הל' מזוזה שם.

26) רא"ש הל' מזוזה ס"ח. וראה ב"י יו"ד סרפ"ו (ד"ה בית שאינו מקורה (הב')).

27) כי בלי דלת לא נקרא „שער", כ"א „פתח" (תשובת הרמב"ם — נעתקה בכס"מ הל' מזוזה שם ה"ה. ב"י שם). בסגנון אחר: „שער" הוא חלק מהבית (חלק המשמש גם לכניסה ויציאה); פתח (בלי דלת) הוא רק חלל — פרצה בהכותל (היפך דכותל הבית). וראה צפע"נ מהדו"ת (ו, רע"ב): דבלא דלתות אין עליו שם בית .. דצורת הבית הוא נשלם בהדלתות .. ולכך ס"ל לרבינו ז"ל לקמן בהל' מזוזה דבית בלא דלתות פטור מן המזוזה כו'.

28) „ביתך" — „דרך ביאתך" (יומא יא, ב. וש"נ).

29) ראה זח"ג (רסג, ב): פקודא למיקבע ב"נ מזוזה לתרעי' למהוי כל ב"נ נטיר מעם קב"ה כד נפיק וכד עייל ורזא ה' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם. שו"ע יו"ד סו"ס רפה: ה' ישמור צאתי וגו'.

אָבער אויב מ'זאָל זאָגן, אַז דער גדר פון דלת איז צו סותם זיין דעם חלל הפתח, האָט קיין אָרט ניט צו זאָגן אַז דער חיוב המזוזה בפתח ושער הבית (דער מקום הכניסה והיציאה) זאָל זיין פאַרבונדן מיטן דלת, וואָס זיין זאַך איז ניט צו דערלאָזן די כניסה ויציאה.

ז. און דאָ זעט מען ווי איז שיטת רש״י בפי׳ עה״ת (ע״פ פשש״מ) אין דעם ענין: רש״י לערנט אַז דער „מסך שער החצר" האָט געמוזט זיין „כמדת קלעי החצר", וכנ״ל, ווייל במהותו איז ער אַ טייל פון די קלעים; ד.ה. אַז כשם ווי די קלעים איז ענינם סתימה[30], אַזוי איז אויך דער „מסך שער החצר" ענינו (ניט אַ טייל פון דעם „פתח (שער) החצר"[31], נאָר) סתימה, וכשמו „מסך", וואָס איז „לשון מגין"[32].

דערפון איז אויך מובן בנוגע צום גדר פון דלת (וואָס דער „מסך שער החצר" איז במקום אַ דלת, כמבואר אין תשובת ר' אברהם בן הרמב״ם[33]), אַז לויט שיטת רש״י איז דלת ענינו סגירה (און ניט פתיחה)[34].

דאָס איז מתאים אויך מיט שיטת רש״י בפירושו על הש״ס[35], וואו ער האַלט אַז אויך אַ פתח בלי דלת איז מחוייב אין מזוזה (און ווי אויבן גערעדט אין הסברת השיטה, אַז אַ דלת איז ניט קיין טייל פון דעם פתח).

ח. די שאלה הנ״ל וועגן גדר פון אַ דלת אין חלק ההלכה שבתורה, איז אויך פאַראַן בנוגע צום ענין פון דלת ווי ער איז מבואר אין חלק הסוד שבתורה:

„דלת", בפנימיות הענינים, איז ספירת המלכות[36] — ווייל ספירת המלכות איז דער ממוצע צווישן עולם האצילות און די עולמות שלמטה מאצילות (ובכלל — צווישן אַיין עולם און עולם שלמטה ממנו) — און אין ספירת המלכות זיינען דאָ צוויי ענינים: א) מלכות איז מעלים אויף די ספירות וועלכע זיינען העכער פון איר (וואָס מצד דעם העלם פון מלכות ווערט זי אָנגערופן „ים"); און דורך דעם העלם איז (ב) מלכות טראָגט אַראָפּ און איז מגלה דעם אור פון אצילות צו די נידעריקע עולמות (און מצד דעם ווערט זי אָנגערופן „ארץ")[37].

און דאָ שטעלט זיך די שאלה: וואָס איז דער עיקר פון ספירת המלכות — דער ענין ההעלם אָדער דער ענין הגילוי וואָס איז אין און דורך איר[38].

דער ענטפער לויט פי' רש״י: „לעמת קלעי החצר — כמדת קלעי החצר": מצד (דעם לימוד פון) עולם הפשט — עולם העשי'[39] — איז דער מסך[40]

30) ראה פרש״י תרומה (שם, יג): לא היו סתומים כולם בקלעים כו'.

31) במדבר ג, כו. נשא ד, כו.

32) פרש״י תרומה כו, לו.

33) ברכת אברהם סמ״א (אלא ששם קאי לשיטת הרמב״ם). ובביאור הרי״פ פערלא לסהמ״צ רס״ג מ״ע ח' (ובמילואים ס״ג) הרבה להשיב על תשובת הרמב״ם ור״א בן הרמב״ם, עיי״ש.

34) עייג״כ פרש״י וירא יט, ט־יא: „הדלת — דלת הסובבת לנעול ולפתוח. פתח — הוא החלל שבו נכנסין ויוצאין".

35) בסוגיא דמנחות לג, א („ריש גלותא כו'") — מדמפרש „תלי דשי ברישא" דקאי על ה„סיפין", ולדעת הרמב״ם צריך לקבוע תחילה (לא רק ה„סיפין", אלא) גם הדלת. ראה תשובת הרמב״ם שם — כמפורש בב״י (יו״ד שם): וכיון שרש״י וכו' חולקים עליו כו'. ולהעיר, דבצפע״נ לרמב״ם שם ציין לשבת לב, ב. והרי רש״י מפרש שם: „כמחתרת, שאין לה פצימין כו'".

36) מאו״א וקה״י בערכו.

37) לקו״ת צו יד, ב. ובכ״מ.

38) ועיין בזה (בנוגע ב' הענינים בדלת) אוה״ת חנוכה שכח, ב. המשך תער״ב פקי״ב.

39) נסמן לעיל ע' 247 הערה 49.

40) והרי גם מסך ענינו ההעלם דמלכות — ראה אוה״ת שם: והוא ענין המסך כו'.

(ו„דלת״ פון), ספירת המלכות ענינו ווי די קלעים — העלם וסתימה:

אין די עולמות בריאה ויצירה, הגם אַז אויך אין זיי פועל׳ט דער העלם פון ספירת המלכות — וואָס דעריבער איז אין זיי ניט מאיר דער אור אלקי אַזוי בגילוי ווי אין אצילות, עולם האחדות — פונדעסטוועגן, ווערט אין זיי נמשך אַן ענין פון גילוי אלקות; און דערפאַר איז בריאה אַן עולם וואָס איז רובו טוב, און יצירה איז עכ״פ מחצה על מחצה[41].

אָבער אין עולם העשי׳ איז העלם לגמרי. ס׳איז „עולם הקליפות וסט״א״[42], „כל מעשה עוה״ז קשים ורעים והרשעים גוברים בו״[43] — און דעריבער הערט זיך אין עולם העשי׳ (עולם הפשט) בעיקר די פעולת ההעלם פון מלכות[44].

ט. דער תכלית הכוונה איז דאָך אָבער, צו מבטל זיין דעם העלם, עס זאָל זיין גילוי אלקות למטה —

דעריבער שטייט ניט אין תורה בפירוש „כמדת קלעי החצר״, נאָר „לעמת קלעי החצר״ — וואָס „לעמת״ מיינט ניט אַ פאַרגלייך וואָס איז דאָס זעלבע ממש, נאָר בלויז אַ מעין און דוגמא (ע״ד דער לשון בנוגע צו קדושה און קליפות: „זה לעמת זה״[45]);

ד.ה. אַז דער „מסך שער החצר״ איז ניט דאָס זעלבע ממש ווי די קלעים, וועלכע זיינען אַ שטענדיגער (פול־שטענדיקער) הפסק והעלם, נאָר תורה גיט כח צו איבערמאַכן דעם מסך, עס זאָל ווערן אַן ענין פון פתיחה וגילוי;

ביז עס ווערט די פתיחה ווי דער „פתחו של אולם״, וואָס „לא היו בו דלתות[46] שתמיד הי׳ פתוח״[47] — אַז עס ווערט דער גילוי שטענדיג (בתכלית) אַן קיינע העלמות, „ונגלה כבוד הוי׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי׳ דיבר״[48].

יו״ד. דאָ זעט מען ווידער די הפלאה אין פירוש רש״י על התורה, אַז פון אַ קורצן פירוש פון רש״י, וואָס בהשקפה ראשונה זעט עס אויס ווי אַן איינפאַכער אָפּטייטש, קען מען אַרויסנעמען

[ניט נאָר ווי אין אַט דעם פירוש איז בולט דער כלל (וואָס רש״י אַליין גיט אַרויס[49]) „ואני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא״, נאָר צוזאַמען דערמיט אויך]

ווי אין דעם פירש״י זיינען פאַראַן „ענינים מופלאים״[50] אויך בשייכות צו פסקי הלכה און ווי אַט דער פירוש על התורה איז בהתאם צו שיטת רש״י בפירושו על הש״ס; און אויך די התאמה צווישן די ענינים ווי זיי זיינען ע״ד הפשט וההלכה און ווי זיי ווערן נתבאר אין קבלה וחסידות.

(משיחת ש״פ ויקהל תשכ״ה)

41) ע״ח שמ״ח רפ״ג. וראה שם שמ״ז פ״ד ובהגהה.

42) תניא פ״ו.

43) תניא שם ופכ״ד — מע״ח שער מ״ב ספ״ד.

44) ראה סידור שער המילה (קמה, סע״ג. קמט, ב). אוה״ת לך (כרך ד׳) תשיט, א.

45) קהלת ז, יד.

46) מדות פ״ב מ״ג.

47) לקו״ת שה״ש לה, רע״א. הובא באוה״ת חנוכה שם.

48) ישעי׳ מ, ה. וראה תניא פל״ו.

49) בראשית ג, ח. שם, כד.

50) לשון השל״ה במס׳ שבועות שלו (קפא, א).

# ויקהל־פקודי

א. שוין גערעדט פיל מאל, אז רש״י בפירושו על התורה שטעלט זיך אפ און איז מפרש יעדער ענין וואס אין אים פעלט ביאור לפי פשוטו של מקרא, און בשעת מ׳געפינט אז עפעס איז שווער אין פשט הכתובים און רש״י באווארנט עס ניט, מוז מען זאגן אז ע״פ פשש״מ איז דאס מלכתחילה קיין קשיא ניט — אדער ווייל ע״ד הפשט איז עס מובן מעצמו, אדער דאס ווערט באווארנט דורך א פריערדיקן פירוש אין רש״י.

אין די פרשיות ויקהל פקודי זיינען דא כמה ענינים וואס זיינען ניט מובן ע״פ פשש״מ, און נאכמער — אייניגע קשיות ווערן בעיקר מצד פרש״י. מען וועט זיך דא אפשטעלן עכ״פ אויף איין שאלה אין יעדער פרשה:

אין פ׳ ויקהל אויפן פסוק[1] „וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה טוו את העזים״, וואס דאס מיינט, ווי רש״י זאגט, „שמעל[2] גבי העזים טווין[3] אותן״ — אז זיי האבן געשפונען די וואל (נוצה[4]) ווי זי איז נאך באהאפטן צו די עזים. דארף מען פארשטיין: וואס פאר א מעלה און תועלת איז אין דעם וואס „מעל גבי העזים טווין אותן״?

ולכאורה, אדרבה: בשעת אז די נוצה זיינען אפגעשניטן פון די עזים, קען מען זיי דעמאלט שפינען א סך גרינגער און בעסער ווי ווען זיי זיינען „על העזים״ — וואס האט מען פון דעם וואס די נוצה ווערן געשפונען „מעל גבי העזים״?

אויך — וויבאלד די תורה דערציילט אויף וויפל ס׳איז געווען די חביבות פון מלאכת המשכן בא די נשים (וע״ד מש״כ פריער[5] „ויבואו האנשים על הנשים״), אז זיי האבן ארויסגעוויזן א אויסערגעוויינלעכע חכמה און פעאיקייט אין די טווי׳ מעל גבי העזים — פארוואס געפינט מען דאס ניט אויך בא דער טווי׳ פונעם צמר (פון די יריעות התחתונות) פון דעם תכלת וארגמן גו׳, וואס שטייט פריער[6] (און עס איז אויך מודגש אז עס איז געווען בחכמה) און פונדעסטוועגן איז „וכל אשה חכמת לב בידי׳ טוו ויביאו מטווה את התכלת ואת הארגמן גו׳״, זיי האבן אבער ניט געשפונען דעם צמר[7] מעל גבי הכבשים[8]?

ב. אין פרש״י בפ׳ פקודי[9] דארף מען פארשטיין וואס רש״י זאגט אז „משה

1) לה, כו.

2) כ״ה בדפוסי רש״י שראיתי, כולל דפוס ראשון. לבד בדפוס שני, ובכו״כ כת״י רש״י דאיתא „שעל״. וראה לקמן סוף הערה 28.

3) כ״ה בדפוסי רש״י שלפנינו ובכמה כת״י רש״י (— בל׳ הווה). ובדפוס ראשון (ועד״ז בכמה כת״י רש״י) „טוו אותן״, ולכאורה כצ״ל, מתאים ללשון הכתוב „טוו את העזים״ — בל׳ עבר, וכן מתחיל רש״י פירושו „היא היתה אומנות כו׳״ [אבל להגירסא בדפוס שני, „היא אומנות יתירה״ (בלי תיבת „היתה״) מתאים הסיום „טווים אותם״].

4) פרש״י תרומה כה, ד ד״ה ועזים. וראה שו״ע אדה״ז או״ח ס״ט ס״ח (מב״י שם): בכל התורה לא נקרא צמר סתם אלא צמר רחלים אבל של עזים נקרא נוצה. ובראב״ע ועד״ז ברשב״ם תרומה שם „שער העזים״. וראה תוד״ה ונוצה שבת כז, א. וראה לקמן הערה 27.

5) לה, כב. ובפרש״י שם.

6) ויקהל לה, כה.

7) ובפרט דקשה יותר הטווי׳ ע״ג העזים, כיון שהם תקיפין וקופצים יותר מכבשים (ראה מדרש הגדול כאן. וראה לקמן הערה 27).

8) ואולי י״ל שזה אי אפשרי, כיון שצ״ל ד׳ מינין יחד וכו׳ (רש״י תרומה כו, א).

9) לח, כב.